א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

282 | פרשת נשא | תשע"ט

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### ריכטיג תשובה טון פארן 'יודע תעלומות'

**"וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"** (ה ז)

ס'איז באקאנט וואס דער רמב"ם שרייבט (תשובה ב ב): דער וידוי פון א זינדיגער דארף ארויסקומען פון זיין טיפן הארץ, מיט א ריכטיגע חרטה, אזוי ווייט:"שיעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם".

מיט דעם יסוד ערקלערט דער **קאזניצער מגיד** וואס מיר בעהטן ביי שמונה עשרה: "והחזירנו בתשובה שלימה **לפניך**", מיר זאלן אזוי אמת'דיג תשובה טון, עס זאל זיין קלאר פאר השי"ת אז מיר ווען מער נישט זינדיגן.

דער אזורובער רבי בעל **'באר משה'** האט מיט דעם אויך ערקלערט דעם נוסח פון דער ווידוי אין יום כיפור: "אתה יודע רזי עולם ותעלומות סתרי כל חי... ובכן יהי רצון... שתכפר לנו על כל חטֹאתֵינו...", לכאורה, עס איז דאך פונקט פארקערט, דאס וואס דער אויבישטער איז א 'יודע תעלומות' ברענגט דאך צו מ'זאל זיך פירן מיט אונז מער שטרענג, און דאס איז נישט קיין סיבה אויף כפרה? נאר לויט וואס מיר האבן פריער געזאגט פארשטייט מען זייער גוט, ווייל דער אויבישטער איז א 'יודע תעלומות', קען ער עדות זאגן אז אונזער חרטה קומט ארויס פון טיפן הארץ.

'עבודת ישראל' פרשת פרה, 'אש דת' ח"ט עמ' תרי"ג

#### 'וידוי' כדי צו מכניע זיין דאס הארץ

**"וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"** (ה ז)

**רבי אהרן קאטלער** האט זיך געוואונדערט:

אין רמב"ם (תשובה א לו) איז געדרינגען אז די מצוה פון וידוי איז טייל פון די מצוה פון תשובה, וואס עס הייבט זיך אן מיט עזיבת החטא, חרטה, און קבלה לעתיד. לויט דעם, דארף מען פארשטיין פארוואס ביי 'תחנון' זאגן מיר פריער די וידוי 'אשמנו בגדנו' און נאכדעם דערמאנט מען די חרטה געפילן מיט די דברי תחנונים?

ענטפערט ער: די ווידוי וואס מיט דעם הייבט מען אן דעם תחנון און עס איז מסודר לויט דער סדר פון אל"ף בי"ת, איז נישט צוליב די מצוה פון ווידוי, נאר אונז דערמאנען ווי ווייט מיר זענען פארזינקען אין די טיפעניש פון די עבירות, 'פון אל"ף ביז ת"ו', וואס דאס וועט צוברענגען אז די הארץ וועט נתעורר ווערן תשובה טון ווי עס דארף צו זיין.

'משנת רבי אהרן' בחקותי.

#### בענטשן מיט ליבשאפט

**"כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם"** (ו כג)

לכאורה וואלט גענוג געווען די תורה זאל שרייבן: "כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", פארוואס פעלט אויס: "אָמוֹר לָהֶם"?

זאגט דער **'כתב סופר'**:

ווייל די כהנים האבן הנאה געהאט פון די ברכה און השפעה פון כלל ישראל, דורך די מתנות כהונה וואס זיי באקומען פון די אידן, דעריבער ווארנט זיי די תורה: "אָמוֹר לָהֶם" - זיי זאלן נישט אינזין האבן ביי זאגן ברכה צוליב זייער אייגענע טובה, נאר צוליב די טובה פון די אידן, אזוי ווי רש"י באטאנט: "'אמור להם'... בכוונה **ובלב שלם**".

זיין תלמיד, **רבי שלמה קליין** אב"ד זענטא האט מיט דעם ערקלערט דעם נוסח פון ברכת כהנים: "וציונו לברך את עמו ישראל **באהבה**"; לכאורה, ווי טרעפן מיר אז די כהנים זענען באפוילן געווארן בענטשן די אידן 'באהבה'? נאר דאס וואס די תורה האט באפוילן די כהנים זיי זאלן שטענדיג האלטן אקעגן זייערע אויגן נאר די טובה פון די אידן און נישט זייער אייגענע טובה, איז דאך דאס די גרעסטע מדריגה פון אהבת ישראל.

'כתב סופר' ; 'ליקוטי שלמה' דף קג

> ## רזי אמונים
>
> רמזים פון אמן אין די פרשה
>
> ### צ' אמנים אין שול
>
> **"כָּל הַבָּא לִצְבֹא צָבָא לַעֲבֹד עֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד"** (ד כג)
>
> פון דער פסוק קענען מיר האבן א רמז צו די דעה פון די פוסקים (שו"ת הרמ"ע מפאנו קט) וואס זאגן אז אין די צאל פון די ניינציג אמנים וואס די חכמים האבן באשטימט צו זאגן יעדן טאג (תיקו"ז חדש קלב א), קען מען אריינרעכענען נאר אזעלעכע אמנים וואס מ'ענטפערט אויף ברכות, און נישט אויף קדישים: 'צבא' - איז ראשי תיבות 'צ' אמן ברכות', און ווייל מ'קען אנקומען צו די צאל פון ניינציג אמנים נאר דורך זיך אויפהאלטן אין שול און ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר און חזרת הש"ץ, דעריבער האט די תורה געשריבן: "כל הבא לצבא צבא לעבוד עבודה באהל מועד" - וואס ד.מ. קומען אין שול.
>
> 'מרום הרים' אין די הקדמה

#### די כהנים זענען מער באליבט פון די אידן

**"יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ"** (ו כד)

אסאך וואונדערן זיך אויף דער נוסח פון ברכת כהנים פארן דוכנ'ן: "וציונו לברך את עמו ישראל **באהבה**" - ווי זענען די כהנים באפוילן געווארן בענטשן די אידן 'באהבה'?

א וואונדערליכער פשט אויף דעם ברענגט **רבי עזרא אלטשולר** דער רב ווינוטא אין נאמען פון רבי לייב כהן פון קיידאן:

די כוונה איז נישט אז די כהנים זענען באפוילן געווארן צו בענטשן די אידן באהבה, נאר די ווארט "באהבה" באציהט זיך אויף די אנהויב ברכה, אז דער אויבישטער האט מיט ליבשאפט געהייליגט די כהנים: די חכמים זאגן (חולין צא ב) אז די אידן זענען באליבט פאר ה' מער פון די מלאכי השרת, ווייל די מלאכי השרת דערמאנען השי"ת'ס נאמען נאר נאך דריי ווערטער אזוי ווי עס שטייט (ישעיה ו ג): "קדוש קדוש קדוש ה' צבא-ות", און די אידן דערמאנען זיין נאמען נאך צוויי ווערטער, אזוי ווי עס שטייט (דברים ו ב): 'שמע ישראל ה'...'. און פון דער לשון הפסוק: "'יברכך ה'" קען מען זיך איבערצייגן אז די כהנים זענען מער באליבט פון די אידן, ווייל זיי דערמאנען השי"ת'ס נאמען נאך איין ווארט ['יברכך'], דעריבער, בעפאר מ'דערמאנט דעם פסוק, לויבן זיי אויף דעם וואס זיי זענען געהייליגט געווארן מיט א אויסערגעווענליכע ליבשאפט, און זיי זאגן דעם נוסח הברכה: "אשר קדשנו... וציונו לברך את עמו ישראל - **באהבה**".

דאס זעלבע טרעפן מיר ביי די ברכות קריאת שמע צופריה און ביינאכט וואס מ'לויבט אויף די ספעציעלע ליבשאפט וואס די אידן האבן מער פון די מלאכי השרת, וואס זעהט זיך אן אין דעם פסוק: 'שמע ישראל', און צוליב דעם בעפאר זיי זאגן דעם פסוק, פירט מען אויס ביי שחרית די ווערטער: "הבוחר בעמו ישראל **באהבה**", און ביי מעריב מיט די ווערטער: "**אוהב** עמו ישראל".

שו"ת 'תקנת השבים' או"ח סי' א'

#### וועלעכע תפילה הערט השי"ת צו?

**"יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם"** (ו כו)

"איין פסוק שטייט 'יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ', און אין איין פסוק שטייט (דברים י יז) 'אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים'; פלעגט רבי יוסי בן דוסתאי זאגן, וויאזוי קען מען פארשטיין די צוויי פסוקים? נאר 'ישא ה' פניו' - אויף אזאך וואס איז 'בינך לבינו', צווישן דיר און אים [ד.מ. הקב"ה], 'אשר לא ישא פנים' - אויף אזאך וואס איז 'בינך לבין חבירך' [צווישן דיר און דיין חבר, וואס נאר נאכן איבערבעהטן וועט ער האבן א כפרה]".

דער בעל שם טוב הק' האט ערקלערט די כוונה פון מדרש איבער די ענין פון דאווענען ווי עס דארף צו זיין:

אויב ווען א מענטש דאווענט אויף זיינע שוועריקייטן, געדענקט ער אויך די זאך 'שבינך לבינו', ד.מ. די צער השכינה וואס פילט מיט זיין צער, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו סג ט): "בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר", איז ער פארזיכערט אז השי"ת וועט צוהערן זיין תפילה, אבער אויב ביים דאווענען האט ער נאר אינזין אויף וואס ס'איז 'בינך לבין חברך', ד.מ. אויף זיינע גשמיות'דיגע געברויכן, אן אינזין האבן די צער השכינה, דעמאלטס 'לא ישא פנים' אננעמען זיין תפילה.

'דברי ישכר' [רי"ב פון סטראזניץ] עמ' קכד





### אזוי האט זיך געפירט דער בעל שם טוב הק'

"יעדער איד זאל זאגן די ברכות השחר.... דווקא אין בית המדרש, כדי מזכה זיין די אידן מיט ענטפערן אמן, און אויך ווייל עס איז דער אנהויב פון קבלת עול מלכות שמים, **און אזוי האט זיך געפירט מרן הבעל שם טוב זלה"ה**".

'אור עינים' [פון רא"ז פון קאמארנא] ח"ב

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - די בקשה 'רצה' (ג')

### מנוחת אהבה ונדבה

די ווערטער "לשבות בו ולנוח בו **באהבה** כמצות רצונך" דארף א הסבר; וואו איז מען באפוילן געווארן מ'זאל רועהן 'באהבה'? נאר, מ'קען עס ערקלערן לויט די גמרא אין מסכת שבת (י ב): "הנותן מתנה לחבירו - צריך להודיעו. און מיר האבן אויך אזוי געלערנט אין א ברייתא: דער אויבישטער האט געזאגט פאר משה: איך האב א גוטע מתנה אין מיינע אוצרות וואס איר נאמען איז 'שבת', און איך וויל עס געבן פאר די אידן - גיי זיי צו וויסן טון אויף דעם". טייטש רש"י (שם) אז דער וואס געבט די מתנה דארף צו וויסן טון אז פון אים קומט די מתנה כדי עס זאל זיך פארמערן די ליבשאפט צווישן זיי.

קומט אויס אז דער אויבישטער האט אונז צו וויסן געטון די מתנה פון שבת כדי אז דורך דעם זאל זיך פארמערן די אהבה צווישן אונז און אים, דעריבער זאגן מיר: "לשבות בו ולנוח בו **באהבה**" ('משאת כפי' ח"ד עמ' צב).

### די שבת איז דער שורש פון די ששת ימי המעשה

מ'דארף פארשטיין: פארוואס בעהטן מיר: "שלא תהא צרה ויגון ואנחה" דווקא "ביום מנוחתנו", איבערהויפט, אז אויך אין די וואכעדיגע טעג בעהטן מיר אויף דעם ביי שמונה עשרה: "והסר ממנו יגון ואנחה"?

עס זענען באקאנט די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש, אויפן פסוק (שמות כ יא): "כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה'", ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט האט די וועלט געקענט עקזיסטירן נאר זעקס טעג, און יעדן זונטאג וואלט דער אויבישטער געדארפט באנייען די בריאה, נאר, ווען השי"ת האט באשאפן דעם שבת, האט ער אין דעם אריינגעלייגט א ספעציעלן כח וואס דורך דעם קען די וועלט עקזיסטירן נאך זעקס טעג, און אזוי האט השי"ת אוועק געשטעלט דעם כח פון שבת אויף אייביג.

פון דעם קומט אויס אז די שבת איז דער שורש אויף די קומענדיגע ששת ימי המעשה. און אזוי ווי מיר זעהן ביי א ביימער, און אזוי אויך ביי אלע באשעפענישן וואס האבן תולדות, אויב עס איז פאראאן אפילו נאר א קליינע פעלער אין זייער שורש, דערקענט זיך דער פעלער אין אלע צווייגן וואס קומען ארויס פון דעם, אזוי אויך ווען עס האנדלט זיך איבער די וואכעדיגע טעג וואס זייער שורש איז שבת - נאר אויב מיר וועלן אכטונג געבן דעם שבת בשלימות אן קיין פעלער, דעמאלטס וועלן די ששת ימי המעשה וואס זענען אנגעהאנגען אין שבת זיין בשלימות אזוי ווי די שבת.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מיר בעהטן א ספעציעלע בקשה אין שבת: "שלא תהא צרה ויגון ואנחה" וואס דאס זאלן אונז ח"ו אפהאלטן פון צו רועהן ווי עס דארף צו זיין "ביום מנוחתנו", וואס דורך דעם זענען מיר פארזיכערט אז אויך אין די קומענדיגע זעקס טעג וועלן מיר נישט ליידן פון יגון ואנחה ('בני יששכר' מאמרי השבתות ז יג).

### 'לא תהא צרה' פאר די וואס היטן שבת

אין די פתיחה צו שו"ת 'מן השמים' (מהד' ר"ר מרגליות עמ' ה) ווערט געברענגט אין נאמען פון רבי אליהו מלונדריש פון די בעלי התוספות, וואס מ'האט אים אנגעפרעגט אין חלום אויף דעם וואס מיר בעהטן שבת: "שלא **תהא** צרה ויגון ביום מנוחתנו", פארוואס בעהטן מיר נישט אויף אונז אליין: "שלא **נהא** בצרה ויגון", לכאורה איז דאך ענדערשט מ'זאל דאווענען אויף אונז ווי צו דאווענען אויפן טאג?

און ער האט אין חלום געענטפערט, אויב מיר וועלן אזוי זאגן וועט עס אויסזעהן ווי מיר ווילן נישט זיין אין א צרה ויגון 'ביום מנוחתנו', אבער אין די אנדערע טעג חלילה יא. דעריבער בעהטן מיר: "שלא תהא צרה ויגון ואנחה ביום מנוחתנו", וואס דאס מיינט אז קיינמאל זאל נישט זיין צרה ויגון פאר דער וואס רוהט אין דעם טאג, נאר די וואס האלטן נישט שבת זיי זאלן האבן צרה ויגון... און פירט אויס: "און איך האב זיך אויפגעוועקט פון מיין שלאף, און דאס איז געווען א נבואה, און נישט א חלום וואס איז נאר 'אחת משישים לנבואה'".

ענליך צו דעם האט דער שר שלום פון בעלזא געטייטש: די בי"ת פון "**ביום מנוחתנו**", איז טייטש 'וועגן' - ד.מ.: מיר בעהטן נישט אויף 'יום מנוחתנו' נאר: "שלא תהא צרה ויגון ואנחה", צוליב דער זכות וואס מיר רועהן "ביום מנוחתנו". און אזוי ווי אברהם האבן געבעהטן (בראשית יח כח): "הֲתַשְׁחִית בַּחֲמִשָּׁה אֶת כָּל הָעִיר", טייטש דער 'אבן עזרא': "וועגן די פינעף".

### די תפילה פון רבי חיים פאלאג'י

עס איז פאסיג אראפברענגען וואס רבי חיים פאלאג'י ברענגט אראפ אין זיין ספר 'עתרת החיים' (אות נג) אין נאמען פון ספר חסידים, אז ס'איז געווען א חסיד וואס פלעגט דאווענען יעדן ערב שבת עס זאל נישט פאסירן א שריפה אין שבת כדי מ'זאל חלילה נישט צוקומען צו חילול שבת. שרייבט אויף דעם רבי חיים פאלאג'י: "און איך אויך, 'מיום דעתי' האב איך זיך געפירט צו לערנען תהלים מיט די חבורה יעדן ערב שבת פאר מנחה, כדי צו בעהטן צו השי"ת אזוי ווי יענער חסיד האט געטון, און אין די יהי רצון נאכן תהלים האב איך מתקן געווען זאגן דעם נוסח:

"ותצילנו ותשמרנו לנו ולכל בני ישראל אחינו בכל מקומות מושבותיהם משריפה ודליקה ושום דבר רע, ולא יבואו עמך בית ישראל לחלל שבת קדשך, ונזכה לשמור כל שבתות קדשך כל ימי חיינו במחשבה ודבור ומעשה, ביראה ואהבה ושמחה רבה".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א 'ברכה' וואס האט געענדערט זיין לעבן

חיים, דער טעמע פון אונזער ערציילונג, איז א יונגער בחור'ל, פון א גוטע און חשוב'ע פאמיליע. זייענדיג אין תלמוד תורה און אין ישיבה קטנה האט זיך נישט ספעציעל אנגעזעהן זיינע טאלאנטן, אבער ער האט געלערנט פלייסיג מיט א געוואלדיגע התמדה, וואס דאס האט צוגעברענגט ער זאל אנגענומען ווערן אין איינע פון די בעסטע ישיבות אין די עולם הישיבות, א ישיבה וואו דארט האבן געלערנט הונדערטער אויסדערוועלטע בחורים.

די עלטערן פון חיים זענען זיכער געווען אז אין אזא אויסגעצייכנטע ישיבה וועט זייער זון שטייגן מער און מער, אבער צו אלעמענ'ס ווייטאג, פונקט דארט, אין די בעסטע פלאץ, האט ער אנגעהויבן פאלן פון זיינע מדריגות אין לערנען. אין די צייט וואס אלע זיינע חברים האבן מצליח געווען און זענען שטארק געשטיגן, איז חיים שטארק געפאלן.

עס איז שווער שילדערן אויף א פאפיר די שטארקע ווייטאג און צובראכנקייט פון חיים, זעהנדיג אז ער קען נישט מיטלעבן די לימודים וואס ווערן געלערנט אין ישיבה. עס האט נישט געהאט קיין לאגישע ערקלערונג, אבער עס איז א פאקט אז חיים האט נישט מצליח געווען צו לערנען. יעדעס מאל וואס ער האט געעפענט די גמרא, האט ער באלד געפילט ווי די אותיות קוקן אים אן מיט שטרענגע בליקן, ווי זיי וואלטן אים געזאגט: דו ווייסט דען נישט, דו וועסט נישט מצליח זיין!

דער כח פון לערנען פלייסיג וואס האט אים באגלייט ווען ער האט געלערנט אין ישיבה קטנה, איז געווארן שוואכער און שוואכער; ביי די שיעורים, אזוי אויך אין די אנדערע סדרים, האט ער רוב צייט אריבער געפירט מיטן זיך פארקלאצן אויף גארנישט, און אויך ווען די גאנצע בית המדרש ארום אים האט געקאכט און געריודערט אין לערנען, איז ער געשטאנען ווי א פרעמדער.

ביי די בחינות האט ער באקומען זייער ווייניג פראצענטן וואס דאס האבן נאכמער צוקלאפט זיין גייסט, און דער 'כח הרצון' וואס ער האט נאך עפעס געהאט אין זיך איז כמעט ווי פארלאשן געווארן.

אין לויף פון די גאנצע ווינטער-זמן איז חיים געפאלן מער און מער, און דאס האט זייער געווירקט אויף זיין צושטאנד, סיי זייענדיג צווישן די חברים זיינע אין ישיבה, און סיי צווישן זיין פאמיליע. ער האט זיך אינגאנצן פארהוילן פון די כוחות וואס ער האט אריינגעלייגט און פון די ביסל הצלחות וואס ער האט יא געהאט, ווען דאס ערגסטע פון אלעס איז געווען דאס וואס ער האט נישט געהאט קיין דרייסט זיך צו ווענדן צו איינעם בעהטן הילף.

אנהויב דער זומער-זמן איז חיים צוריק אין ישיבה ווען זיין צושטאנד איז שרעקליך. חברותות האט ער נישט געהאט, זיינע חברים האבן זיך פון אים אוועקגעדרייט און דער פארצווייפלונג האט אנגעהויבן עסן אין אים מיטן גאנצן כח.

עטליכע וואכן זענען אדורך נאכן אנהייבן דעם זומער-זמן, און נאר דעמאלטס האט חיים זיך געשטארקט און זיך געווענדן נאך הילף צו דער רב פון די קהילה וואו זיינע עלטערן זענען געווען מיטגלידער. ער איז געשטאנען פאר אים מיט וואקלדיגע פוס, און מיט א ציטערדיגע שטימע האט ער קורצערהייט געשילדערט זיין ביטערן צושטאנד. "איך האב אינגאנצן פארלוירן דעם חשק צום לערנען, איך שפיר זיך פארלוירן און צומישט..." - עס האט זיך דערקענט די ווייטאג אין יעדע ווארט וואס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל.

דער רב וואס איז געווען שאקירט הערנדיג די ווערטער, האט באלד פארשטאנען אז סתם ווערטער פון חיזוק וועלן נישט העלפן פאר די צוקלאפטע זעהל, דער בחור האט זיך גענויטיגט אין אסאך מער פון דעם, און ער האט זיך פארזינקען אין זיינע געדאנקען אויף א לאנגע צייט, ביז פלוצלינג איז אים לעכטיג געווארן זיינע אויגן.

"מיין טייערער פריינד, ביזסט אנגעקומען פונקט אין די ריכטיגע מינוט!" - האט דער רב זיך געווענדן צום בחור און אים געזאגט: "אט, קומט שוין צו גיין דער יו"ט שבועות. זיכער ווייסטו אז אין דעם יו"ט איז נישטא קיין ספעציעלע מצוה אזוי ווי אין די אנדערע ימים טובים, דאס קומט אונז לערנען, אז אנדערשט פון אנדערע ימים טובים וואס עס פעלט זיך אויס א ספעציעלע הכנה כדי צו געניסן פון זייער ליכטיגקייט, איז דער יו"ט שבועות - דער יו"ט פון מתן תורה, וואס איז א יו"ט וואס איז אקטועל פאר יעדן איד אין וועלכן מצב ער געפינט זיך, און יעדער איד קען זוכה זיין צו א 'קבלת התורה' פון דאסניי, אן קיין פארבינדונג אין וועלכע אומשטענדן ער געפינט זיך.

די נייגערייגקייט פונעם בחור האט זיך ערוועקט. און האט געוואלט נאך הערן, און דער רב האט פארגעזעצט זיינע ווערטער:

"אין ספרים הקדושים ווערט געברענגט אז יו"ט שבועות איז א 'יום הדין' אויף די תורה. אין דעם טאג משפט מען אין בית דין של מעלה די גאר וויכטיג'סטע זאכן איבער דיין עתיד אין דיין רוחניות'דיגע לעבן; צי דו וועסט האבן גוטע חברותות אין די קומענדיגע יאר? צי די גמרא און די מפרשים וועלן זיין זיס אין דיין מויל?

איך האב שוין א לאנגע צייט צוריק געהערט אז דער הייליגער ראפשיצער רב זצ"ל האט גע'עצה'עט פאר זיינע חסידים זיי זאלן ספעציעל מאריך זיין ביי די ברכה פון 'אהבה רבה' יו"ט שבועות אינדערפריה, זאגן די הייליגע ווערטער מיט כוונה און תחנונים פארן אויבערשטן ער זאל באלייכטן זייערע אויגן זיי זאלן פארשטיין די תורה הקדושה. דער ראפשיצער רב אליין האט זיך אויך אזוי געפירט, און מ'דערציילט נאך אז די ברכה 'אהבה רבה' אין יו"ט שבועות האט געדויערט ביי אים ארום צוויי שעה, און דורך דעם האט ער זוכה געווען צו זיינע געוואלדיגע מדריגות אין תורה און אין יראת שמים.

פראביר דו אויך די עצה, נעם זיך אונטער צו זאגן 'אהבה רבה' אין דעם קומענדיגן יו"ט שבועות ווארט ביי ווארט מיט געפיל און מיט ספעציעלע כוונה, דאוון אויף דיין מצב, און עס איז נישט קיין ספק אז דער אויבישטער וועט זיכער צו הערן דיין געבעהט און וועט דיר שיקן זיין הילף.

געדענק: דאס איז דיין געלעגנהייט, זיי נישט מוותר אויף דעם!".

חיים האט זיך געזעגנט פונעם רב מיט א געפיל פון פרישקייט און באנייאונג. זיין הארץ איז געווען פול מיט האפענונג אויף די תפילה וואס וועט אפשר ענדערן זיין גורל.

עטליכע טעג נאכדעם, יו"ט שבועות אינדערפריה, האט חיים געאיילט זיינע פוס טריט צו א גרויסע און אומבאקאנטע שול, ער האט זיך אוועקגעזעצט אונטן אין שול, און האט אנגעהויבן זאגן די 'פסוקי דזמרה' מיט גרויס התרגשות.

בעפאר די ברכה 'אהבה רבה' איז חיים אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ און האט זיך געווענדן צו די 'אוצר הספרים' נעבן שול. אין די שטילע ווינקל האט ער זיך ערלויבט אראפנעמען די שווערע פעקל וואס ער טראגט שוין אויף זיין הארץ אזויפיל צייט.

"אבינו אב הרחמן, המרחם רחם עלינו" - האט ער זיך צוכליפעט אין א געוויין, ווען ער דערמאנט זיך די אלע שווערע חדשים וואס זענען אריבער אויף אים ביזן היינטיגן טאג; "ותן בליבנו בינה להבין ולהשכיל, לשמוע ללמוד וללמד... והאר עינינו בתורתך... וייחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך".

אזוי, אין לויף פון לאנגע מינוטן איז חיים געווען פארטיפט אין זיין געוויין, און ביי די ענדע פון די ברכה האט ער געשפירט ווי א נייע גייסט קומט אין אים אריין.

ארום א האלבע יאר נאכדעם האט דער רב פון די קהילה פארצופאל געטראפן זיין גוטער פריינד וואס האט געדינט אלץ דער משגיח אין די ישיבה וואו חיים האט דארט געלערנט. אינמיטן שמועס האט ער זיך דערמאנט אין די שמועס וואס ער האט געהאט מיט חיים הארט פארן יו"ט שבועות. פון דעמאלטס ביז יעצט האט ער זיך נאכנישט אינטערעסירט אויף זיין צושטאנד, און יעצט האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט.

די ענטפער פונעם משגיח האט אים איבערראשט, זיין אויפפירונג איז געווען העכער אלע פאנטאזיעס.

"חיים איז ממש א בלום, די שטאלץ פון די ישיבה. אנהויב זיין ערשטע יאר אין די ישיבה האט ער טאקע נישט מצליח געווען זיך צושטעלן צו די לימודים, אבער אין א העלן טאג, לויט וואס עס דאכט זיך מיר איז עס געווען נאנט צום יו"ט שבועות, איז ער אריבער א דראמאטישער ענדערונג וואס איך געדענק נישט אלע יארן אלץ משגיח.

איך האב נישט קיין קלארע ערקלערונג אויף דעם, אבער דאס איז די מציאות, אין א קורצע צייט האט חיים געטוישט זיין סטאטוס נישט צו דערקענען, און היינט צו טאג איז ער פון די אויסגעצייכנטע פון די ישיבה.

דער רב האט זיך געזעגנט פון זיין פריינד מיט א געפיל פון צופרינקייט, ווען נאר ער ווייסט דעם סוד. דער בחור האט געהאט פארשטאנד אויסנוצן די געלעגנהייט וואס איז אים געגעבן געווארן. ער האט ריכטיג משקיע געווען כוחות אין די ברכות התורה אין דעם יום הדין אויף די תורה, און די רעזולטאטן האבן נישט פארשפעטיגט צוקומען.

איין ברכה וואס איז געזאגט געווארן ווי עס דארף צו זיין האט אינגאנצן געטוישט די בילד פון איין זייט צום צווייטן.

'אור הפרשה' במדבר תשע"ח

עיצובים shay